# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn



### Title
Krikblik May / A Look Back at May

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5v57x4qm



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)



### Author
Yair, Ish



### Publication Date
1978



### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed



eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

### ח.

ס'איז ניט זיין היים, ס'איז ניט זיין בעט:
פון פרעמד צו פרעמד, געיאָגט, ער ווערט.
— אַוווּ דו גייסט, הערסטו געשפּעט:
ס'איז ניט דיין היים, ס'איז ניט דיין בעט,
טאָ לויב און לעק דעם פוס וואָס טרעט

דיין שטאָלץ. געדענק, נאָר נישט געוועירט!
האָסט נישט געזען, האָסט נישט געהערט:
דעם פרעמדן, נאָר די פרעמד, געהערט.
ס'איז נישט זיין היים, ס'איז נישט זיין בעט:
פון פרעמד צו פרעמד, געיאָגט, ער ווערט.

## קריקבליק: מאַי 1, 1937 — מאַי 1, 1977

(ווילאַנעלע)

געפּאַטשט פון כוואַליעס, רעשנדיק,
אַ פעלדזון־ברעג, אַ שטאָציקער,
ווי קינבאַק סטאַרטשעט, סטראַשענדיק.

פאַרהאַקט דעם שלאָס, מ'האָט האָסנדיק,
פון היים דער טויזנטיעריקער,
געפּאַטשט פון כוואַליעס, רעשנדיק.

קיין פוילן, ווײַנט דאָס האַרץ, צוריק.
אויף אייביק, האָסט קיין היים נישט מער:
אַ קינבאַק סטאַרטשעט, סטראַשענדיק.

דעם רוקן בייגט הכנעהדיק
דער וואַנדערער, דער אייביקער,
געפּאַטשט פון כוואַליעס, רעשנדיק.

אַ שיפל וואָגלער, שרעקעוודיק
פאַר פרעמד, קאַנאַדער, איזיקער:
אַ קינבאַק סטאַרטשעט, סטראַשענדיק.

אומזיסט געזוכט צו היים אַ בריק
אין פרעמד, קאַנאַדער, אייזיקער:
געפּאַטשט פון כוואַליעס, רעשנדיק,
אַ קינבאַק סטאַרטשעט, סטראַשענדיק...

**אברהם גאָלאָמב**

# דער וועלט-באַנעם פון די חז"ל

עס איז אָנגענומען ביי יידן דער אויס־דרוק חז"ל, מיט דעם וואָרט באַצייכנט מען די חכמי התלמוד. דאָס איז אַ ראשי תיבות פון „חכמינו זכרונם לברכה." דאָס וואָרט חכם האָט אַ באַטייט ניט ווי היינט סתם קלוג. אין גמרא ווערט אָפט גע־בראַכט אַ זאַץ פון תנ"ך. אַלע געדאַנקען באַזירן די חז"ל אויף פסוקים פון תנ"ך, אויף די רייד פון די נביאים. עס ווערט אָבער ניט גענוצט דער אויסדרוק נביאינו זכרונם לברכה, אָדער די ראשי תיבות פון אויסדרוק נז"ל. ניטאָ דער אויסדרוק אין גמרא און ניטאָ בכלל ביי יידן. עס קומט אויס אַז צו די שפּעטער פון גמרא איז ביי יידן געווען אַ בעסערע באַציונג ווי צום תנ"ך. אין דער זעלביקער צייט באַמיען זיך די חז"ל צו באַגרינדן זייערע רייד אָדער בכלל זייערע געדאַנקען מיט אַ פסוק פון תנ"ך, פון די נביאים. פאַר־וואָס איז אָבער ניטאָ דער אויסדרוק נבי־אינו זכרונם לברכה, נז"ל? דער פסוק פון תנ"ך איז געווען דער פעסטער באַזיס, וואָס מען שפּאַרט זיך אָן אויף אים. און אין דער זעלבער צייט טרעפט זיך גאָר ניט זעלטן אָן אויסדרוק אַזוי ווי פון ביטול, פון ביטול „סתם דברי נבואה", ווי זאַצן וואָס האָבן ניט קיין ממשותדיקן ווערט. קומט אויס ווי אויף די נביאים האָט מען זיך ווייניקער אָנגעשפּאַרט ווי אויף סתם אַ פסוק. אויף דעם פסוק וואָס די חז"ל האָבן גוט געקענט האָט מען זיך פאַרלאָזט ווייניקער. עס איז באַקאַנט דער זאָג פון גמרא, אַז איין שטעמפּל פון קיניג האָט מער געווירקט ווי די רייד פון אַלע נביאים און נביאות (המנס גזירה).

איך נעם זיך צו דער אַרבעט ניט אָן פחד. ערשטנס בין איך לגמרי ניט קיין בקיא אין ש"ס בכלל און בפרט נאָך אין דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור כדי צו קענען שרייבן וועגן דער וועלט־אַנשויונג פון די חז"ל. אָבער עס איז אַ מין כלל, און אַזוי האָב איך געלערנט מיינע תלמידים אין דעם ווילנער לערער־סעמינאַר — דרך ארץ פאַר מענטשן. דאַרף איך אַליין איצט מקיים זיין מיין תורה: דרך ארץ פאַר מענטשן. איז אָט נעם איך זיך צו דער אַרבעט: „דער וועלט־באַנעם פון די חכמי התלמוד". איך ווייס פאַרויס: מיין אַרבעט וועט האָבן אַ סך דעפעקטן, אָבער, ווי זאָגט טוביה דער מילכיקער: „במקום שאין איש, איז אַ הערינג אויך אַ פיש." די חז"ל אַליין האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט רעפערירן זייער וועלט־באַנעם. דאָס איינציקע וואָס מיר קאָנען טאָן איז פון זייערע אַרויסזאָגונגען לערנען זייער וועלט־באַנעם. אָט דאָס וועלן מיר טאָן.

## לימוד און תלמוד

דאָס וואָרט תלמוד איז אין תנ"ך ניטאָ. אין תלמוד אָבער — דורכויס. פון תלמוד איז עס געקומען אויך אין יידיש. עס איז אַ כלל: מען שאַפט ניט קיין נייעם טער־מין כל זמן מען קען נוצן דעם אַלטן. פאַראַן אין תנ"ך דאָס וואָרט לימוד. וואָ־סערע נייע באַגריפן האָט געבראַכט דאָס וואָרט „תלמוד"? וואָס איז דער אונטער־שייד „לימוד תורה" און „תלמוד תורה"? דאָס וואָרט לימוד ווערט באַנוצט תמיד ווו מען מיינט אויסצולערנען דאָס וואָס איז שוין פאַרשריבן, בעת תלמוד ווערט געברויכט ווו מען דאַרף שאַפן נייעם, וואָס איז נאָך ניט פאַרשריבן. דער תנ"ך האָט שוין ניט געקאָנט מער באַפרידיקן. ער האָט שוין לגמרי ניט געקאָנט מער זיין צוגעפּאַסט צום לעבן; זיין צייט איז שוין אַוועק. און די חז"ל האָבן זיך דאַך פאַר־נומען מיט פעסטשטעלן אַ שטייגער לעבן פון זייער צייט, וואָס איז שוין ווייט אַוועק פון דער תנ"ך־צייט. און דאָס איז דאַך געווען די הויפּט־אויפגאַב פון די חז"ל. זייער הויפּט פחד איז געווען „שמא יכלה זרעו של אברהם אָבינו?" און זיי האָבן ריכטיק געדענקט: וועט זיך איינשטעלן אויף אייביק, וועט זיין אַ יידיש פאָלק; ווען חלילה ניט, איז יכלה זרעו של אברהם אָבינו." די פאַרצייטיקע גריכן האָבן גע־לאָזן אַ רייכע ליטעראַטור. די ליטעראַ־